# פרשת שמיני ב' כ"ג – כ"ט ניסן תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמיני ב' - אסרו חג***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מנחם הארטמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **מאיר וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בית הלל סערדאהעלי.

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הלויה של הר"ר **אברהם בערגער** ע"ה, שהתקיים לפני בית המדרש סאמבאטהעלי.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **חיים יהודא שפיץ** הי"ו (בן הר"ר **בן ציון שלום שפיץ** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **אשר זעליג בראדט** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מנחם הארטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בן הרב **אליהו פישער** שליט"א (בן הרה"ג **רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי), עב"ג בת הר"ר **חיים אילאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן.

*

***יום שני פרשת שמיני ב'***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם בערגער** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **חיים שמחה בונם** נ"ו בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אשר יוסף שטיינמעץ** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ישראל חיים שפארן** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דעם** יום טוב האט מען געזאגט ביי תפלת מוסף, הן גאלתי אתכם אחרית כראשית, להיות לכם לאלקים, אני ה'. מען האט מתפלל געווען אז דער אייבעשטער זאל אונז אויסלייזן, 'אחרית', אין דעם גלות האחרון, 'כראשית', אזוי ווי עס איז געווען אין מצרים. אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז געוויזען נסים אין מצרים, אזוי זאל דער אייבערשטער אונז אויסלייזען פונעם יעצטיגען גלות.

**עס** קען זיין א רמז דערין, מען זיצט ביי א סעודת בר מצוה, דער בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה והמצות. עס איז דא א ווארט אין **ישמח משה** (בהפתיחה) ער ברענגט צו א מדרש (ויק"ר ח-ג), אז די קרבנות פון די נשיאים זענען געווען זייער חביב ביים אייבערשטען, אבער דער קרבן פון אהרן וואס ער האט מקריב געווען יעדן טאג א מנחת חביתין, איז געווען נאך חשוב'ער פון די קרבנות פון די נשיאים. איז מסביר דער **ישמח משה** און ער זאגט, די קרבנות פון די נשיאים איז געווען זייער חביב ביים אייבערשטען, ווייל די חשיבות פון א מצוה איז, אז מען טוט עס מיטן גאנצן הארץ, מיט א פרייליכקייט, מיט א אויפגעלייגקייט, נישט געצווינגען. און יעדע דבר חדש וואס א יוד טוט, טוט ער עס מיט א שמחה, מען מאכט א ברכה שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, מען פריידט זיך מיט א מצוה וואס קומט מזמן לזמן. יודען האבן משתוקק געווען אז דער אייבערשטער זאל מאכן א משכן, וואס ער זאל וואוינען צוזאמען מיט יודען, און ווען מען איז אריינגעגאנגען אינעם משכן טון די עבודה, און די נשיאים האבן יעדן טאג מקריב געווען א קרבן פאר די חנוכת הנשיאים, איז עס געווען א קרבן וואס מען האט מקריב געווען מיט א געוואלדיגע דערהויבנקייט, אז מען איז זוכה אז דער

אייבערשטער רוהט צווישן אונז. איז געווען חביב פארן אייבערשטען די קרבנות פון די נשיאים.

**זאגט** דער הייליגער **ישמח משה**, בשעת מען איז דערהויבן, עס איז דא א נייער משכן, און מען ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, איז נישט א חידוש אז מען טוט עס מיטן גאנצן הארץ. אהרן הכהן האט יעדן טאג מקריב געווען א מנחת חביתין, און נישט נאר איין מאל אין טאג, נאר צוויי מאל אין טאג, מחציתה בבוקר ומחציתה בערב (ויקרא ו-יג), און פון דעסטוועגן דאך האט אהרן געטון די עבודה יעדן טאג מיטן זעלבן ווארימקייט ווי ער האט עס געטון די ערשטע מאל, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה (רש"י במדבר ח-ג), עס איז נישט געווען ביי אים א טויש. אזוי ווי ער האט עס מקיים געווען דעם ערשטען טאג, אזוי האט ער געהאט יעדן טאג א נייע עבודה. און דאס איז אסאך א גרעסערע מדריגה, ווי א מענטש וואס טוט א מצוה די ערשטע מאל. די קרבן פון אהרן וואס ער האט איבערגע'חזר'ט טאג נאך טאג, פערציג יאר די זעלבע מצוה, און ער האט עס מקיים געווען צוויי מאל אין א טאג, און אלץ האט ער עס געטון מיט א דערהויבנקייט, איז עס געווען מער חביב פון די קרבן פון די נשיאים.

**קומט** אויס, אז די ראשית וואס א יוד טוט, טוט ער עס מיטן גאנצן הארץ. אבער דער אחרית, ווען מען געוואוינט זיך שוין צו, צו טון די מצות, דעמאלטס פעלט שוין די שמחה ביי די מצוה. זאגט דער אייבערשטער, הן גאלתי אתכם, איך וועל ענק אויסלייזן, ווען דער אחרית וועט זיין ביי ענק כראשית, ווען מען וועט האלטן ביי די אחרית, און מען וועט עס טון אזוי ווי מען האט געטון דעם ראשית, דעמאלטס וועט זיין להיות לכם לאלקים, וועט זיך דער אייבערשטער מגלה זיין, און עס וועט זיין די גאולה.

**דער** חשובר בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, עס איז ביי אים די ראשית, ער טוט עס מיטן גאנצן הארץ, מיט א שמחה, ער קען אנהייבן צו ווערן א עבד ה'. אבער הן גאלתי אתכם אחרית כראשית, די חשיבות איז, ווען מען טוט אנהאלטן די זעלבע ברען און ווארעמקייט. מען מאכט א סעודה של מצוה, מען גייט אריין אין די מצוה בשמחה, זאל דאס אנהאלטן ווייטער אויך, און ער זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם און א ערליכער יוד.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת ש"ב הרה"ג רבי **בנציון ראבינאוויטש** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג שליט"א) עב"ג בן הרב **משה מאיר דאכנער** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש דינוב.

*

***יום שלישי פרשת שמיני ב'***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מענדל קליין** הי"ו שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **שמחה בונם קליין** ע"ה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל הר"ר **יונתן בנימין ליבערמאן** הי"ו שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אשת הר"ר **יוסף פארקאש** הי"ו), ואצל משפחת הויער שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **דוד הויער** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **נחמן רייך** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוחנן וואזנער** הי"ו, שהתקיים באולם סקאליע. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת גאמבא ע"ה (אשת הר"ר **מרדכי אהרן גאמבא** הי"ו).

*

***יום רביעי פרשת שמיני ב'***

בשעות הלילה הגיע **כ"ק האדמו"ר מויזניץ-מאנסי שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך האב געזעהן אין די צוואה פונעם טאטן, אז ער בעהט אז די יונגלעך פון די בר

מצוה און ווייטער, זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. עס איז זייער אסאך געבעטן פון א בר מצוה יונגעל צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. ער איז דאך אין ישיבה, און ער דארף מיטהאלטן די סדרים.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ער האט געזאגט, אז מען קען לערנען די זעלבע בלאט.

די לעצטע יארן האט ער געזאגט, ווער עס וויל אים א טובה טון, בעהט ער אז מען זאל לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא לטובת נשמתו. ער האט עס געזאגט שבועות, די לעצטע תורה וואס ער האט געזאגט.

**רבינו:** זיין חיות איז געווען תורה.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ער איז נפטר געווארן מיט א טעיפ אין די אויערן, ביי די ווערטער פון די גמרא (ברכות מב:) כי נח נפשיה דרב איז געווען יציאת נשמה.

**רבינו:** איך האב גערעדט דעם יום טוב, אז די גמרא (מו"ק כה.) זאגט, כי נח נפשיה דרב הונא, האט מען געזאגט, ראוי היה שתשרה עליו שכינה אלא שבבל גרמה לו, אין חוץ לארץ האט נישט געקענט זיין קיין השראת השכינה. פרעגט די גמרא, אז יחזקאל הנביא איז געווען על נהר כבר, און ער האט געהאט השראת השכינה. זאגט די גמרא, לויט איין פשט אין רש"י, אז אזוי ווי ער איז שוין געווען איין מאל אין ארץ ישראל, האט ער שוין געקענט זוכה זיין. מאי היה (יחזקאל א-ג), שהיה כבר. ער איז שוין געווען פון פאר דעם אין ארץ ישראל, האט ער געקענט שפעטער זוכה זיין דערצו אויך אין חוץ לארץ. אויב עס איז דא השראת השכינה אין ארץ ישראל, קען מען האבן השראת השכינה אין חוץ לארץ. יודען האבן געהאט השראת השכינה, סיי ביי מתן תורה, אנכי ה' אלקיך, און סיי ביים קריעת ים סוף, זה א-לי ואנוהו. און דאס איז נאך געווען אין חוץ לארץ, וואו זיי קענען נישט האבן קיין השראת השכינה. האט דער אייבערשטער פסח ביינאכט זיי ארויפגעטראגען קיין ארץ ישראל, אזוי זאגט דער תרגום יונתן (שמות יט-ד), צו מאכן דעם קרבן פסח אין בית המקדש, האבן זיי דארט באקומען השראת השכינה, האבן זיי געקענט האבן השראת השכינה שפעטער אויך, ווען עס האט אויסגעפעלט. וועגן דעם שטייט ביי מתן תורה, אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים, ואשא אתכם על כנפי נשרים (שם), וואס דארט זאגט דער תרגום יונתן אז איך האב ענק ארויפגעטראגן, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, יעצט אז מען איז שוין איינמאל דארט געווען, קען מען שוין דא אויך מקבל זיין.

**והמשיך רבינו:** עס פאלט יעצט א גרויסע עול. א האלבער עול איז שוין געווען פון פאר דעם.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** עס איז א אנדערע מין. די לעצטע פאר יאר האט שוין דער טאטע נישט געקענט נושא בעול זיין, עס איז א גרויסער ציבור. איך ווייס גארנישט ווי אזוי דער טאטע האט געקענט, אין אלע שטעט און מדינות איבעראל.

**רבינו:** ער האט אלעס אליין געבויט מיט די צען פינגערס.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ער איז געווען מקושר מיט יעדן איינעם. פארלאנגט און געמאנט, און געגעבן פסקים.

**רבינו:** ער האט געטון וואס איז ריכטיג.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ער האט נישט געהאט קיין דאגה פון א מענטש. אזוי שטייט אין **חובות הלבבות** (הקדמה לשער הבטחון) ווער עס איז נאנט צום אייבערשטען, איז אים נישט אינטערעסאנט וואס מען זאגט.

**רבינו:** מען דארף נאר זיין דערביי.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** דער רב געדענקט דעם זיידן דער **אמרי חיים זצ"ל**, ווען ער איז געווען דאהי?

**רבינו:** יא. איך געדענק נאר די לעצטע מאל ווען ער איז דא געווען, תשי"ח. איך בין געווען מיט **מיין טאטע ז"ל** ביים טיש. **מיין טאטע ז"ל** האט געהאט מיט אים א מעשה פאר די קריג. מיין טאטע איז געווען דיין אין די שטאט מאקאווא פאר די קריג, און תיכף נאך די חתונה האט מען אים ארייננגערופן אין מיליטער. און עס האט גענומען בערך א יאר, ביז ער האט זיך געקענט באפרייען. און פאר ראש השנה איז אים אויסגעקומען צו זיין נעבן גרויסווארדיין מיט די מיליטער צוזאמען. – ער פלעגט צו זאגן, אז אין מיליטער האט מען נישט געטארט רעדן אין די פרעמד צו קיין ציווילע מענטש, איינער וואס איז נישט געווען איינגעשטעלט אין די

מיליטער, ווייל מען האט מורא געהאט וועגן שפיאנאזש. האט ער גענומען א צעטל, און ער האט אפגעשריבן פארן **אמרי חיים זצ"ל** ווער ער איז, און אז ער געפונט זיך דא אין מיליטער, און עס קומט ראש השנה, און ער בעהט אז מען זאל אים שיקן א שופר, מיט אביסל האניג. די איבריגע מאכלים וועט ער זיך שוין מסדר זיין. ער האט נישט געוואוסט קיין אדרעס ווי עס איבערצוגעבן, האט ער געזאגט פאר א גוי, נעם די צעטל און גיי אריין אין די יודישע געגענט, און פרעג וואו עס וואוינט ראבינער האגער, און געב אים איבער דאס צעטל. דער גוי האט איבערגעגעבן דאס צעטל פארן **אמרי חיים**, האט דער **אמרי חיים** געזאגט פארן גוי, אז ער זאל צוריקומען אין א שעה ארום. און ער האט אים איינגעפאקט חלות מיט זופ און פלייש, ער זאל האבן אויף גאנץ יום טוב, מיט א שופר און האניג מיט אלעם, און ער האט עס צוריקגעשיקט מיט דעם גוי.

דער **אמרי חיים** האט דעמאלטס דערציילט די מעשה ברבים ביים טיש, און ער האט צוגעגעבן נאכדעם א ווארט, אז א שופר איז דאך ממתיק די דינים. אין די ווארט 'שופר' איז דא די אותיות פ"ר, וואס דאס איז די פ"ר דינים, און ש"ו וואס איז בגימטריא דב"ש. די דבש מיטן שופר האבן א קשר, ווייל דב"ש איז ממתיק די דינים פון שופר.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן, למען יאריך ימים על ממלכתו, מען זאל קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה, און אלעס זאל אנקומען גרינגערהייט. מען זאל זיין א גוטער שליח פארן כלל ישראל, און עס זאל נתקבל ווערן אלע תפלות וואס מען בעהט, לרחמים ולרצון.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** אמן. דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, אין די עבודת הקודש.

**רבינו שליט"א נתן לו ספרו החדש**
**על ל"ג בעומר ושבועות חלק ב'**

*

***יום חמישי פרשת שמיני ב'***

בשעות אחר הצהרים השמיע **רבינו שליט"א** דרשת '**פתיחת הזמן**' לבחורי חמד דקהלתנו וישיבתינו הק', במסגרת '**ישיבת בין הזמנים**' בבית מדרשנו בוויליאמסבורג.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען, מען האלט ביי די התחלת הזמן, יעדער גייט צוריק אין ישיבה, און מען איז ווייטער ממשיך אין התמדת התורה. עס איז א סיום פון א זמן אין ישיבת בין הזמנים, בחורים האבן אנגעפולט דעם בית המדרש, און מען איז געזעסן און געלערנט אפילו בין הזמנים, מיט א געוואלדיגע התמדה, אשרי חלקיכם. **עטץ זענטס די גליקליכע בחורים וואס האבן זוכה געווען נישט אנצוברענגען דעם בין הזמנים** אזוי ווי א טייל אנדערע, וואס האבן זיך ארומגעדרייט אין די גאסן, צו אין שטוב, צו אין בעט, און מען האט נישט געהאט וואס צו טון איבערן טאג, מען האט נאר געווארט אז דער טאג זאל אדורכגיין. בבוקר יאמר מי יתן ערב, ובערב יאמר מי יתן בוקר. און ב"ה מען איז געזעסן אין בית המדרש און מען האט געלערנט, מען האט אויסגענוצט די צייט. יעדער פילט זיך גליקליך מיט וואס ער האט קונה געווען אין דעם בין הזמנים. עס איז ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך (דברים כח-ו). ברוך אתה בבואך, דו ביסט געבענטשט ווען מען קומט אריין יעצט אינעם נייעם זמן, וברוך אתה בצאתך מען גיט אויך אן הודאה פארן אייבערשטן אויף דעם בין הזמנים וואס עס איז אדורכגעגאנגען, וואס יעדער איינער איז נתעלה געווארן אין די טעג.

*

**איך** וועל אנהייבן מיט א ווארט אין די פרשה, ויהי ביום השמיני. מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן זיבן טאג, עס איז געווען שבעת ימי המילואים, צוצוגרייטן דעם משכן אז מען זאל קענען טון די עבודה. און ווען עס איז אדורכגעגאנגען די זיבן טאג, ביום השמיני, האט משה רבינו גערופן אהרן, און מען האט מסדר געווען די קרבנות וואס מען דארף ברענגען צום חנוכת המשכן. אין די גמרא שטייט (מגילה י:), אז דעם טאג וואס מען האט אויפגעשטעלט דעם

משכן, איז געווען אזא שמחה פארן אייבערשטן, אזוי ווי די שמחה וואס דער אייבערשטער האט געהאט ביום שנבראו בו שמים וארץ, אזוי ווי דער טאג וואס עס איז באשאפן געווארן שמים וארץ, אזוי איז געווען די שמחה ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן. די גמרא דרשנ'ט עס פון א גזירה שוה, דא שטייט 'ויהי' ביום השמיני (ויקרא ט-א), און ביי די ערשטע טאג פון די בריאה שטייט (בראשית א-ה) 'ויהי' ערב ויהי בוקר יום אחד. - וואס מיינט עס אז די שמחה איז געווען אזוי ווי דעם טאג וואס מען האט באשאפן שמים וארץ? און פארוואס איז די גזירה שוה, פון ויהי ערב ויהי בוקר 'יום אחד', וואס טוט זיך מיט יום שני, יום שלישי, און יום רביעי, אפשר איז די גזירה שוה פון איינע פון די איבריגע טעג. ווי אזוי ווייסט מען, אז די גזירה שוה איז צוגעשטעלט געווארן צום ערשטן טאג פון בריאת שמים וארץ?

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. מען זעהט אין די התחלת הבריאה, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, שטייט אין חומש (בראשית א-א) בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. 'אלקים' ווייסט מען אז דאס איז מדת הדין. שפעטער שטייט אין פסוק (ב-ד) ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים, עס שטייט קודם ה', וואס דאס איז שם הרחמים, און נאכדעם שטייט 'אלקים' וואס איז מדת הדין. רש"י אויפן פלאץ ברענגט צו, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער געטראכט צו באשאפן די וועלט מיט מדת הדין. מען וועט זיך פירן מיט יעדן איינעם מיטן מדת הדין. ביסטו גוט, וועסטו באקומען שכר. נישט גוט, וועסטו תיכף באקומען אן עונש. און דער עונש פונעם אייבערשטן ווייסט דאך יעדער איינער, וויפיל עס קומט זיך אז מען איז פוגם א מלך מלכי המלכים. דער דין וואלט געווען זייער שארף. בראשית, אין אנהייב, ברא אלקים את השמים ואת הארץ, האט דער אייבערשטער געוואלט באשאפן די וועלט מיטן מדת הדין. ראה שאין העולם מתקיים, דער אייבערשטער האט געזעהן, אז די וועלט קען נישט עקזיסטירן מיט דין, מען מוז גיין מיט רחמנות, האט דער אייבערשטער משתף געווען מדת הרחמים מיטן מדת הדין, און שפעטער איז באשאפן געווארן די בריאה מיטן שם הרחמים, ביום עשות ה' אלקים, עס איז דא דער דין, אבער עס איז אויף א וועג פון רחמים (ב"ר יב-טו). קומט אויס, אז די בריאת העולם איז געווען קודם בדין, און נאכדעם איז עס געווארן רוהיגער מיט רחמים.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, כדי דער אייבערשטער זאל קענען רוהען צוזאמען מיט אידישע קינדער. בראשית, בשביל ישראל שנקראו ראשית (ב"ר א-א). דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, כדי ער זאל האבן א דירה בתחתונים. קומט אויס, אז די בריאה איז געענדיגט געווארן, ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, וואס דעמאלטס איז דער אייבערשטער אראפגעקומען רוהען אויף די וועלט צוזאמען מיט יודען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). בריאת שמים וארץ איז געווען די התחלה פון די בריאה, און די שלימות פון די בריאה איז געווען, בשעת מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן. - אזוי ווי די התחלת הבריאה איז געווען מיט דין, און שפעטער האט זיך עס געטוישט אויף רחמים, אזוי איז אויך געווען דעם ערשטן טאג וואס די שכינה איז אראפגעקומען רוען אינעם משכן. די מדת הדין איז געווען זייער גרויס, און עס איז שפעטער געטוישט געווארן אויף רחמים.

**מען** זעהט אין די פרשה, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, זענען נדב ואביהוא, וואס זיי זענען געווען די גרעסטע וואס עס איז געווען אין כלל ישראל. משה רבינו האט געזאגט פאר אהרן, בקרובי אקדש (ויקרא י-ג), אפשר זענען זיי גרעסער פון מיר און דיר. און זיי האבן געטון איין זאך וואס זיי האבן נישט געדארפט צו טון, זיי האבן מקריב געווען אש זרה אשר לא צוה אותם (שם י-א). זיי האבן נישט געטון אן עבירה, נאר אשר לא צוה אותם, דער אייבערשטער האט נישט מצווה געווען אז מען זאל אזוי טון, איז תיכף געווען די גרעסטע מדת הדין, און נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן פון די וועלט. איין זאך וואס מען האט געטון

אנדערש פונעם רצון ה', און מען איז תיכף אוועקגענומען געווארן פון די וועלט. מען זעהט נישט שפעטער אז א מענטש זאל טון א עבירה וואס עס שטייט בפירוש אין די תורה, און ער זאל שטארבן אויפן פלאץ. פארוואס זענען זיי געשטארבן דא אויפן פלאץ בשעת זיי האבן עובר געווען אויף אן עבירה? ווייל אזוי ווי דער טאג איז געווען אזוי ווי דער טאג פון די בריאה, און די טאג פון די בריאה האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט מיט מדת הדין, איז די התחלה פונעם משכן אויך געווען מיטן מדת הדין. און ווען מען האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט, האט שולט געווען מדת הדין. אויף אלעזר ואיתמר וואלט אויך געדארפט זיין א דין, אבער הנותרים זיי זענען איבערגעבליבן (רש"י י-יב), ווייל דער אייבערשטער האט שפעטער משתף געווען מדת הרחמים צו מדת הדין. קומט אויס, אז פונקט ווי מען זעהט אין דעם ערשטן טאג פון די בריאה, אז עס איז געווען קודם דין און שפעטער איז עס וויכער געווארן אויף רחמים, די זעלבע איז אויך געווען ביים משכן, ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, האט זיך עס אנגעהויבן מיט דין, און נאכדעם איז געווארן רוהיגער, און עס איז געווארן דערפון רחמים.

**וועגן** דעם איז די גמרא מדמה, אז עס איז געווען אזא שמחה פארן אייבערשטן אזוי ווי דער טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן שמים וארץ. ווייל ביי שמים וארץ איז דאך געווען א שמחה פארן אייבערשטן, אבער אנגעהויבן האט זיך עס מיט דין און שפעטער איז געווארן רחמים, אזוי אויך בשעת מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, האט דער מדת הדין שטארק שולט געווען, און שפעטער איז געווארן דערפון רחמים.

*

**איך** מיין אז עס ליגט דערין א משל, וואס איז אויך נוגע פאר בחורים אין ישיבה. **ווען מען שטעלט אויף א ישיבה, קומען זיך צוזאם פארשידענע בחורים. עס קומען זיך צוזאמען גאר גוטע, בעלי כשרונות, מיטלגאטונגע, און שוואכערע, ווי דער סדר פון כלל ישראל איז. יעדער איינער האט זיך זיין תפקיד אויף די וועלט, קיינעם דארף נישט ווי-טון פארוואס ער איז אזוי, און דער חבר איז אנדערש. דער רבונו של עולם האט יעדן באשאפן מיט זיין תפקיד, דו דארפסט טון וואס מען האט דיך אראפגעלייגט אויף די וועלט, און ווען דו טוסט די בעסטע, זאלסטו וויסן אז דו ביסט צוגעקומען צו דעם זעלבן שלימות ווי א צווייטער איז צוגעקומען.** דער אייבערשטער בעהט פון א מענטש אז ער זאל טון וואס ער קען, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.).

**אזוי ווי אין א ציבור פון א ישיבה איז דא פארשידענע בחורים, איז ווען מען שטעלט אראפ א סדר אין ישיבה, קען מען דאס נישט אראפשטעלן נאר פאר די גוטע, ווייל דעמאלטס וועלן די שוואכע נישט קענען מיטהאלטן. מען קען נישט אראפשטעלן נאר פאר די שוואכע, ווייל דעמאלטס וועט דער בעל כשרון נישט האבן וואס צו טון. ראה שאין העולם מתקיים, עס האלט זיך נישט, ווען מען גייט עקסטרעם אויף די זייט, צו אויף יענע זייט. איז יעדע ישיבה אויסגעשטעלט אויף די מיטל-וועג, כדי אז יעדער זאל זיך קענען מיט-כאפן.** דער שוואכער זאל קענען האבן א תכלית, און דער בעל כשרון זאל קענען האבן א תכלית. און אזוי פירט זיך עס.

**מען וואלט זיך געדארפט פירן אין א ישיבה מיטן מדת הדין, אז ווען מען קומט לערנען זאל מען אויסנוצען די צייט, און טאמער נוצט מען נישט אויס די צייט, דעמאלטס זאל זיין עונשים וכדומה,** אבער ראה שאין העולם מתקיים, עס וועט זיך נישט קענען האלטן אזוי, שיתף מדת הרחמים, דער מגיד שיעור, דער מנהל, גייט צווישן די טראפן. אמאל איז מען שטרענג, אמאל איז מען וויכער, ווי דער סדר איז, ווייל מדת הדין אליין וועט זיך נישט קענען אנהאלטן.

**עס** שטייט אבער אין חז"ל, אפילו דער אייבערשטער האט משתף געווען מדת הרחמים צו מדת הדין, אבער מיט צדיקים טוט זיך דער

אייבערשטער פירן מיטן מדת הדין שטענדיג. די גמרא (מנחות כט:) זאגט אויף רבי עקיבא, וואס איז געווען פון די גרעסטע וואס איז געווען אין כלל ישראל, און ווען רבי עקיבא איז אוועק פון די וועלט, סרקו בשרו במסרקאות של ברזל, מען האט געשינדן די פלייש פון אים, און אזוי איז ער אויסגעגאנגען, יצא נשמתו באחד. און ווען די מלאכים האבן דאס געזעהן, האבן די מלאכים געפרעגט פונעם אייבערשטן, זו תורה וזו שכרה? דאס איז תורה און דאס איז דער שכר? האט דער אייבערשטער געענטפערט, כך עלה במחשבה לפני, אזוי איז ארויפגעגאנגען פאר מיר במחשבה, אז דאס זאל זיין דער עונש, און מען זאל נישט פרעגן קיין קשיות. פשוט לערנט מען, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, איך טראכט אזוי, און איך קען ענק נישט מסביר זיין מיינע מחשבות.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, דער אייבערשטער האט געזאגט, די צדיקים וואס ביי זיי איז העולם מתקיים אפילו מיטן מדת הדין, ביי זיי גיי איך מיטן מדת הדין אויף די וועלט, אזוי ווי עס איז געווען די מחשבה אין אנהייב. בראשית ברא אלקים, דער ראשית איז געווען, צו באשאפן די וועלט מיט מדת הדין. דו פרעגסט זו תורה וזו שכרה, כך עלה במחשבה לפני, מיט רבי עקיבא פיר איך זיך אזוי ווי עס איז געווען במחשבה אין אנהייב, ווייל צדיקים קענען אויסהאלטן מיט מדת הדין.

**א מנהל אין א ישיבה, א מגיד שיעור, טוט אסאך מאל אויף די זעלבע. אפילו ווען ער פירט זיך אין אלגעמיין מיט מדת הרחמים, אבער מיט א בחור וואס איז א בעל כשרון, א בחור וואס מען ערווארט פון אים ער זאל טון מער, א בחור וואס מען ערווארט פון אים אז ער זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, אים רודפ'ט מען מער, פון אים פארלאנגט מען מער. עס קומט נישט פון שלעכטיגקייט, נאר דאס איז דיין טובה. מען וויל אז דו זאלסט אויסוואקסן וואס דו קענסט אויסוואקסן, פארלייגט מען זיך אויף דיר, דו זאלסט אויסנוצען די צייט.** און אמאל איז דא די מדת הדין ביי צדיקים, ווייל דו ביסט טאקע חשוב, וועגן דעם גייט מען מיט דיר מיט מדת הדין. א שוואכער בחור, נו איך לערן נאך א פאר מינוט, די וועלט וועט נישט קיין סאך פארלירן. אבער פון דיר וועט די וועלט פארלירן, דו קענסט אויסוואקסן א תלמיד חכם, דו קענסט צוקומען צו זיין א בעל מדריגה, פאדערט זיך עס מער. די צדיקים זענען געבליבן מיטן מדת הדין, אזוי ווי עס איז געווען אין אנהייב פון די בריאה.

*

**א ישיבה איז אויסגעשטעלט מיט פארשידענע סדרים, כדי יעדער זאל קענען מיטהאלטן. אבער דאס מיינט נישט אז א גוטער בעל כשרון, ווען ער איז אנגעקומען די סדרים פון ישיבה, קען ער זאגן שלום עלי נפשי, איך בין צופרידן, איך האב אויסגענוצט מיין טאג, איך האב אויסגענוצט מיין צייט. ניין, דו האסט נישט אויסגענוצט דיין צייט! דו ביסט א בעל כשרון, דו קענסט אסאך מאל אפלערנען אין א וואך דאפעלט פון וויפיל מען האט געלערנט אין די ישיבה.** און מען וועט עס אמאל תובע זיין פון דיר. ווייל דער סדר פון די ישיבה איז אזוי געווען?! דער סדר פון די ישיבה איז די אלגעמיינע שיעור וואס מען מוז אנקומען, אבער דאס מיינט נישט אז 'מער' בין איך נישט מחויב. **יעדער בחור איז מחויב לויט זיינע כשרונות! ווען ער שפירט ביי זיך, אז ער קען גרינג אדורכגיין די סדרים פון די ישיבה, איז ער מחויב זיך צו נעמען א צווייטן לימוד וואס ער זאל לערנען. ער דארף אנקומען נאך א מסכת! די ישיבה לערנט איין מסכת, און דאס קען א שוואכער בחור אויך מיטקומען. און דער בעל כשרון דארף וויסן, אז ער דארף לערנען נאך א מסכת, נאך א ענין. צו איז דאס אן הלכה, צו איז עס א מסכת, עס איז נישט קיין נפקא מינה, אין אדם לומד אלא במקום שלבו חפץ** (ע"ז יט.)**, אבער ער קען זיך נישט באגעניגען אז איך האב געטון וואס דער סדר אין די ישיבה איז. דער סדר פון די ישיבה איז א נחלת הכלל, יעדער פרטי, יעדער בחור פאר זיך אליין, דארף וויסן אז ער איז נישט יוצא מיט דעם וואס ער איז אנגעקומען ביז אהער, ער דארף לערנען לפי ערכו, ער זאל אנקומען מער ווי א צווייטער איז אנגעקומען.**

**ראה** שאין העולם מתקיים במדת הדין, די וועלט קען מען נישט פירן, אז יעדער איינער מוז זיין אייניג, מען קען נישט פירן א וועלט מיט מדת הדין, עס מוז זיין רחמים. האט דער אייבערשטער משתף געווען מדת הרחמים. אבער דער צדיק, דער בעל כשרון, אים האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט אויף מדת הדין, דו קענסט עס יא באווייזן. און אז דו קענסט עס באווייזן, וועט מען פאדערן פון דיר, פארוואס האסטו עס נישט באוויזן. **א בחור א בעל כשרון וועט מען שפעטער פאדערן, פארוואס ביסטו נישט אויסגעוואקסן א גדול בישראל, דו האסט עס געקענט טון. מען האט דיר געגעבן די מעגליכקייט דערצו, מען האט דיר געגעבן די כשרונות דערצו, האסט זיך נישט צוגעשטעלט דערצו. און אז דו האסט זיך נישט צוגעשטעלט דערצו, ביסטו שולדיג דערויף, ביסט פאראנטווארטליך דערויף.** און אדרבה, אז דו ביסט יא א בעל כשרון, פאדערט פון דיר די מדת הדין אסאך מער ווי מען פאדערט פון א צווייטן.

*

**מען איז יונג, מען ווייסט גאר נישט צו שעצן די חשיבות פון די יונגע יארן וואס מען האט. ווען עטץ וואלטס ווען געוויסט ווי חשוב עס איז ענקערע יארן, וואלט מען נישט אנגעברענגט קיין איין מינוט! פשוטו כמשמעו! מען וואלט פרובירט ארייננצוכאפן נאך א בלאט גמרא, נאך א תוספות, נאך א לימוד, און נישט באגענוגען זיך, איך האב שוין איבערגע'חזר'ט איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל.** מען וואלט איבערגע'חזר'ט אזוי ווי די גמרא (חגיגה ט:) זאגט, אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים למאה פעמים ואחד. כדי צו שעצן גירסא דינקותא, דארף מען קודם ווערן אלט, כדי מען זאל וויסן וואס מען פארלירט. **מען מיינט אז מען וועט אייביג געדענקען, מען וועט אייביג קענען וואס מען האט געלערנט. עס איז נישט אזוי, מען פארגעסט ברבות הימים. און וואס מען האט געלערנט אין די יוגענט, מען האט עס גוט איינגע'חזר'ט, דאס בלייבט אין זכרון אויף שטענדיג.** און מען וועט פאדערן פארוואס מען איז נישט אויסגעוואקסען, פארוואס מען איז נישט צוגעקומען דערצו, אז מען זאל קענען זיין א מרביץ תורה, און לערנען תורה מיט אנדערע יודען. א מענטש איז נישט יוצא מיט דעם וואס ער האט געטון פאר זיך. מען דארף זעהן אויסנוצען די צייט, און צוקומען צו די העכסטע מאס וואס מען קען.

**אין** די הייליגע ספרים שטייט, אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים, למאה פעמים ואחד, וואס עפעס הונדערט, מיט הונדערט און איינס? ווייל דער ס"מ באטרעפט הונדערט. קומט אויס, אז ביז הונדערט מאל איז דא דער ס"מ וואס איז נאך שולט. אבער אז מען לערנט הונדערט און איין מאל, מען איז איבערגעגאנגען די מאס פונעם ס"מ, ווענן דעם פארגעסט מען נישט. אבער מיר רעדן נישט יעצט פון קיין מדריגות, פון הונדערט און איין מאל לערנען, אבער כאטש צען מאל איבער'חזר'ן א גמרא. מען מיינט נישט אין די זעלבע מינוט, נאר אייביג איבער'חזר'ן, איבערגיין אין קאפ וואס האט מען געלערנט די פאריגע וואך, וואס האט מען געלערנט פאר צוויי וואכן. אז מען וויל קענען א זאך, איז נישט גענוג אז מען איז חוזר דערויף איינס און צוויי מאל, עס אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים, למאה פעמים ואחד.

*

**אין** די גמרא שטייט, אז ווען מען האט געזינדיגט, האט מען געדארפט ברענגען א בהמה פאר א קרבן. און די גמרא (יומא כב:) פרעגט שוין, אם אדם חטא, בהמה מה חטאה, ווען ער האט געזינדיגט, פארוואס ברענגט ער א בהמה און ער שחט עס, און דאס איז זיין כפרה, ונרצה לו לכפר עליו (ויקרא א-ד). יעדע קרבן וואס א מענטש ברענגט, דארף האבן א לימוד, עס דארף עפעס לערנען דעם מענטש. וואס לערנט דער קרבן פארן מענטש.

**אין** די גמרא (סוטה טו:) איז דא א אויסדרוק, אז ווען א מענטש זינדיגט, האט ער געטון א מעשה בהמה, ממילא ברענגט ער א בהמה פאר א קרבן. אז מען זינדיגט איז מען נישט קיין מענטש, מען פירט זיך אויף ווי א בהמה. אז דו האסט זיך

אויפגעפירט ווי א בהמה, ברענגסטו א בהמה פאר א קרבן. בשעת'ן חטא ביזטו געווען א בהמה, א בהמה ברענגט א בהמה פאר א קרבן. וואס מיינט עס, אז ווען א מענטש זינדיגט, איז ער א בהמה? ער איז דאך נישט קיין בהמה, ער איז זייער קלוג, ער ווייסט וואס ער וויל, און מיט זיין חכמה האט ער אויסגערעכנט ווי אזוי ער קען צוקומען דערצו, פארוואס זאגט מען אויף אים, אז ער איז א בהמה?

**א** בעל הבית האט א בהמה, און ער האדעוועט עס אויף, ער גיט צו עסן פאר די בהמה, ער גיט אכט אז די בהמה זאל זיין אין שטאל, עס זאל זיך נישט ארומדרייען אינדרויסן, עס זאל זיך נישט צוקלאפן. די בהמה מיינט, אז דער בעל הבית איז זיין בעסטער פריינד, ער האט נישט נאך אזאנס. א מענטש זאל זיך זארגן פאר מיר, ער גיט מיר צו עסן צופרי און ביינאכט, ער פאשעט מיך גוט אן, ער וואשט מיך אפ, ער האדעוועט מיך, ווי א מענטש האדעוועט בהמות. ער מיינט אז דער בעל הבית איז זיין בעסטע פריינד. וואס טוט דער בעל הבית ווען די בהמה איז שוין אויפגעוואקסן, ווען די בהמה איז שוין געווארן גוט פעט, און ער שפירט אז מען קען שוין פארדינען געלט אויף די בהמה, נעמט ער די בהמה, און ער שחט אים, ער צושניידט אים אויף שטיקער, און ער גיט עס פאר מענטשן מען זאל עס אויפעסן. דער נעכטיגער גוטער פריינד זיינער, וואס האט אים געהאדעוועט די גאנצע צייט, ער נעמט אים, און ער שחט אים, און ער צושניידט אים. ווערט ער שפעטער געוואויר אז דער איז נישט מיין פריינד, דער איז מיין שונא. ער האדעוועט מיך, כדי ער זאל מיך קענען שפעטער האבן אין די הענט, אז מען זאל מיך קענען פארקויפן, הלוואי וואלט איך נישט אנגעקומען צו אים. ווען איך וואלט געווען אינדרויסן אין די וואלד, וואלט מיך קיינער נישט געטשעפעט, קיינער וואלט מיך נישט גע'הרג'עט. איך בין געווען ביי אים, און ער האט מיר אלעס געגעבן, און צום סוף האט ער מיך צוגענומען פון די וועלט. ווערט ער געוואויר אז דער וואס ער האט געמיינט אז עס איז זיין גוטער פריינד, איז ווייט נישט א גוטער פריינד פאר אים.

**די** גמרא (ב"ב טז.) זאגט, אז דער יצר הרע האט דריי דזשאב'ס, דריי פונקציעס האט ער אויף די וועלט. איינס, ער קומט צו דעם מענטש, און ער רעדט אים צו ער זאל טון אן עבירה. נאכדעם וואס דער מענטש האט געטון די עבירה, איז ער נישט פארטיג, ער גייט ארויף אויבן אין הימל און ער איז דער שטן. ער זאגט פארן רבונו של עולם, דער און דער האט עובר געווען די עבירה, און עס קומט זיך אז מען זאל אים מעניש זיין. דער אייבערשטער איז דאך א בעל הרחמים, ער איז נישט מעניש, אבער שפעטער ווען עס קומט די צייט וואס א מענטש דארף אוועקגיין פון די וועלט, זאגט דער אייבערשטער פאר דעם שטן, וואס ער איז אויך דער מלאך המות, און ער קומט און ער נעמט אים אוועק פון די וועלט. - ער האט אים צוגערעדט צו טון די עבירה, ער איז נאכדעם געווארן דער לויער מען זאל מסכים זיין מען זאל אים באשטראפן, און ער באשטראפט אים שפעטער.

**בשעת** דער יצר הרע קומט צו דעם מענטש ער זאל טון אן עבירה, מיינט ער אז דער יצר הרע איז זיין בעסטער פריינד. ער רעדט מיך צו, איך זאל טון א זאך וואס איך וועל הנאה האבן דערפון, און עס וועט זיין א תענוג וכדומה, ווי דער סדר פון אן עבירה איז. און דער וואס שטערט אים דערפון, דער איז זיין שונא. **דער וואס לאזט נישט איך זאל האבן א סעלפאו"ן, דער איז מיר דער שונא, און ווער עס שיקט עס מיר אונטער, דער איז מיין גוטער פריינד. שפעטער ווען ער וועט עלטער ווערן, און עס וועט קומען די יום המיתה, וועט ער געוואויר ווערן, אז דער וואס האט מיך צוגערעדט צו טון די עבירה, און ער האט מיך צוגערעדט אז ער איז מיין גוטער פריינד, ער איז געווען מיין שונא!** ער איז שפעטער געגאנגען און ער האט משטין געווען אויף די עבירה, און ער קומט שפעטער און ער נעמט דיך אוועק פון די וועלט!

**קומט** דאך אויס, אז דער מענטש, לגבי דעם יצר הרע, איז ממש אזוי ווי די בהמה. די בהמה מיינט אז דער בעל הבית זיינער, וואס גיט אים צו עסן, ער איז זיין בעסטער פריינד, און

שפעטער ווערט ער געוואויר אז ער שחט אים. די זעלבע איז, דער מענטש מיטן יצר הרע. ער רעדט צו, צו טון אן עבירה, און בשעת מעשה קוקט ער אויס ווי ער איז א גוטער פריינד, אבער שפעטער ווערט מען געוואויר, אז ער איז זיין גרעסטער שונא, ער וועט מיך צום סוף אוועקנעמען פון די וועלט.

**קומט** אויס, אז ווען א מענטש זינדיגט, האט ער געטון מעשה בהמה. ער האט זיך אויפגעפירט אזוי ווי די בהמה. די בהמה מיינט, אז דער בעל הבית זיינער איז גוט, און דאס וואס ער גיט אים צו עסן וכדומה, דאס איז זיין טובה. שפעטער ווערט ער געוואויר, אז ער איז געווען זיין שונא. אזוי איז אויך א מענטש ווען ער זינדיגט, ער איז דומה צו א בהמה. האט דער אייבערשטער געהייסן, ברענג א בהמה און שחט אים פאר א קרבן. קוק אן, דער בעל הבית פון די בהמה האט פארקויפט די בהמה מען זאל אים שחטן. פאר די בהמה האט זיך אמאל געדאכט, אז דער בעל הבית איז זיין גוטער פריינד, און צום סוף האט ער אים פארקויפט אז מען זאל אים טראגן צו די שחיטה. זאלסטו וויסן אזוי איז אויך דער יצר הרע. **לאז דיך נישט פארבלענדען פון עניני עולם הזה, עס איז גוט אויף די מינוט, עס דאכט זיך אז עס איז גוט אויף די מינוט, שפעטער ליידט מען דערפון, און שפעטער וועט מען אפגעבן דין וחשבון אויף וואס מען האט געטון.** און אז מען פאלט אדורך, זאל מען וויסן אז מען האט זיך געפירט ווי א בהמה.

**נישט** נאר אויף יענע וועלט האט מען שאדן, נישט נאר אויף יענע וועלט וועט מען חרטה האבן. נאר **אין צען יאר ארום, צוואנציג יאר ארום, ווען א בחור האט נישט אויסגענוצט זיין יונגע יארן ווי עס דארף צו זיין, וועט ער ארומגיין מיט אזא חרטה, ער וועט נישט האבן קיין איין גוטן טאג. איך וואלט געקענט אויסוואקסן א תלמיד חכם און זיין א מענטש; איך וואלט געקענט זיצן באהלה של תורה; [ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו דאך פארשטיין וואס דאס מיינט צו זיצן באהלה של תורה] וואס איז געווארן פון מיר; איך האב איבערגעלאזט די ישיבה, איך בין ארויסגעגאנגען אויף די גאס, איך בין געווארן אן ארבייטער, איך בין געווארן אן עם הארץ, און איך האב נישט וואס צו טון מיטן טאג.** מען קוקט אן די עלטערע אמעריקאנער יודען, וואס האבן נישט געלערנט אין קיין ישיבות, זיי ווערן עלטער, זיי הערן אויף צו גיין אין דזשאב, זיי האבן נישט וואס צו טון מיטן טאג, דער טאג איז אזוי לאנג ווי דער גלות. ער גייט שפאצירן, ער זוכט זיך א צייטונג, ער מוז מיט עפעס אנפילן די צייט, און ער האט נישט מיט וואס. א בן תורה איז גליקליך, ער קומט אריין אין בית המדרש, ווי ער גייט, האט ער א ספר וואס ער לערנט, און ער איז זיך מחיה, עס איז ביי אים נחמדים מזהב ומפז רב, ומתוקים מדבש ונופת צופים (תהלים יט-יא). פון די עריבות פון עולם הזה ווערט מען פארבלענדעט פאר די אויגן. אבער א יוד דארף וויסן אז דער תכלית זיינער איז, אויסצונוצן די צייט, לערנען פלייסיג און שטייגן אין תורה.

*

**א** ישיבה, בעסער געזאגט, די יונגע יארן וואס מען האט, ווען מען געפינט זיך אין די ישיבה, איז נישט נאר געמאכט געווארן אויף לימוד התורה, עס איז דא נאך צוויי זאכן וואס עס איז יסודות, וואס מען דארף זיך לערנען אין דער יוגענט. און טאמער מען לערנט זיך עס נישט אין די יוגענט, האט מען עס נישט שפעטער. אזוי ווי יעדער פארשטייט, אז ווען מען האט נישט געלערנט קיין תורה אין די יוגענט, איז זעלטן אז מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, [צו תורה קען מען שטענדיג צוקומען, אבער עס איז שוין א זעלטענהייט], די זעלבע איז דא נאך צוויי ענינים וואס יעדער בחור דארף וויסן. על שלשה דברים העולם עומד, על התורה, ועל עבודה, ועל גמילות חסדים (אבות א-ב).

**תורה** איז איין יסוד, עס איז דער חשוב׳סטער יסוד. און עס איז דא עבודה, דאווענען, עבודת התפלה. **א בחור וואס האט זיך נישט צוגעוואוינט צו דאווענען אין די יוגענט מלה במלה, דאווענען ווארט ביי ווארט, קענען פירוש המילות, וויסן די טייטש וואס מען**

**דאווענט, און דאווענען בכוונה, שפעטער ווען מען דארף שוין ארויסגיין פונעם בית המדרש, און מען דארף דאווענען, עס דאווענט זיך שוין נישט. ער האט זיך נישט צוגעוואוינט דערצו. ווילאנג מען איז אין ישיבה, מען האט די רוהיגקייט, קיינער שטופט דיך נישט, קיינער יאגט דיך נישט ארויסצוגיין פון בית המדרש, פארוואס זאל מען נישט דאווענען מלה במלה? עס איז דא א זמן תפלה ווען מען דאווענט, קום אריין און שטעל דיך דאווענען פונקטליך ביים צייט, דאווען ווארט ביי ווארט.** מען רעדט דאך נישט פון דעם אז די תפלות איז עושה רושם, יעדע תפלה וואס א יוד דאווענט, מאכט א רושם. אפילו מען זעהט עס נישט תיכף, זעהט מען עס שפעטער. איך רעדט שוין נישט די תוצאות וואס תפלה ברענגט, **דו דארפסט האבן א אפענעם קאפ צו תורה, מען דארף זיין געזונט, דארפסט האבן א שידוך שפעטער. אז מען דאווענט נישט, קומט עס נישט פון זיך אליין, אויף יעדע זאך דארף מען מתפלל זיין.** נאר אויף פרנסה דארף מען מתפלל זיין?! יעדער בחור פאר זיך, זיין רוחניות דאס איז זיין פרנסה. און מען דארף מתפלל זיין דערויף, און אז מען דאווענט, פאלגט דער אייבערשטער. מען רעדט נישט יעצט פון די מעלות התפלה, וואס די תפלה וועט שפעטער צוברענגען דערצו, וואס מען פארדינט פון די תפלה. איך רעד פון דעם דאווענען אליין, **די שעה וואס מען דאווענט, דאס קען זיין דער גרעסטער תענוג פאר א מענטש. ווען ער האט זיך פארוועם אויסצורעדן, און ער האט פארוועם ארויסצוברענגען גדלות הבורא, און אריינטראכטן אז עס איז דא א באשעפער וואס קוקט זיך אים אויף אים, און א באשעפער וואס טוט אים אלעס ממציא זיין, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטן, די תענוג האבן ערליכע יודען בשעת מען דאווענט.** אז מען געוואוינט זיך צו דאווענען, מען געוואוינט זיך צו פארשטיין פירוש המילות, וויסן וואס ער זאגט, באקומט מען אזויפיל חיזוק און עידוד. **יעדער בחור גייט אדורך שווערע זמנים וואס ער איז צובראכן, זה בכה וזה בכה, אמאל איז עס פון א חברותא, אמאל פון די שטוב, אמאל פון זיך אליין, כמה סיבות איז דא וואס א מענטש איז צובראכן. ווער דערהייבט אים? נאר די שעה וואס ער דאווענט! די שעה וואס ער דאווענט איז די בעסטע מעדיצין וואס א מענטש קען האבן!** מען דארף זיך אראפנעמען פון די צייט, אוועקגעבן פאר תפלה. די שעה וואס מען דאווענט, זאל זיין מיוחד צו דאווענען ערליך מיט כוונה.

**מען** זאגט נאך אויפן **תניא זי"ע**, אז ווען דער תניא איז געווען בערך צוואנציג יאר אלט, האט ער געזוכט וואו צו גיין לערנען. האט מען אים געזאגט, אז עס איז דא צוויי ישיבות וואו מען קען גיין. איין ישיבה איז דא וואס איז זייער גרויס אין תורה, דארט קען ער שטייגן אין לערנען. נאכדעם איז דא אין מעזריטש, ביים מגיד, וואו מען לערנט צו דאווענען. האט ער זיך געמאכט א חשבון וואו ער זאל גיין, וועלכע ישיבה זאל ער אויסקלויבן, צו דער עיקר איז תורה, צו דער עיקר איז תפילה. דער תניא איז געווען א קאפ, האט ער געזאגט פאר זיך אזוי' ביי די צוואנציג יאר, 'לערנען קען איך שוין אביסל, אבער דאווענען קען איך נאך נישט'. איך וועל גיין אויף א פלאץ וואו מען וועט מיך אויסלערנען דאווענען.

**ב"ה** יעדער איינער קען שוין אביסל תורה, איינער קען איין מסכת, איינער קען צוויי, איינער קען שוין דריי, און אזוי איז דא כסדר, מען איז דאך געזעסן און געלערנט די אלע יארן ביז יעצט. תפלה איז אבער דא ווייניג וואס קענען. מען זאל זעהן א בחור זאל זיך שאקלען ביים דאווענען, ער זאל ליגן אינעם דאווענען, און דאווענען מיט א חיות, כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך, שפירן א טעם אינעם דאווענען, דאס איז דא ווייניג. און אויף דעם דארף מען הארעווען, און אוועקגעבן צייט, אריינצוקומען אין עבודת התפלה. **יעצט ווען מען איז רוהיג און מען קען דאווענען, דארף מען דאווענען פון אדון עולם ביז אדון עולם. נישט אוועקגיין פון זיין פלאץ, נישט ארומשפאצירן, שטיין אויף איין פלאץ און ערליך דאווענען.** עס וועט אים זיין א תענוג די צייט, די שעה וואס ער דאווענט. און

על אחת כמה וכמה דעם תועלת וואס ער האט פון די תפלה. דאס איז עבודה.

*

**גמילת** חסדים: חנוכה און פורים, איז מען עוסק מיט גמילות חסדים מיט געלט, מען שאפט געלט וכדומה. גמילות חסדים איז דא חסד בממונו, און עס איז דא חסד בגופו. **זיך אויפצופירן שיין איינער צום צווייטן, זיין גוט צו יענעם, טון פאר יענעם חסד, און נישט טון די היפך פון חסד, ווי־טון א צווייטן, קריגן זיך מיט א צווייטן.** אז מען געוואוינט זיך נישט ווילאנג מען איז יונג, האט מען עס נישט שפעטער. ווילאנג מען איז יונג, דארף מען זיך צוגעוואוינען צו טון חסד איינער מיטן צווייטן. סור מרע ועשה טוב, **אמאל קומט א געשמאק יענעם צו טשעפען וכדומה, אמאל זאגט מען, יענער האט מיר געטון, איך גיי אים צוריק טון, עס איז אלעס איסורי דאורייתא. אונאת דברים, מען טאר נישט טשעפען יענעם מיט קיין ווערטער. מען טאר נישט נקמה נעמען אויף וואס יענער האט געטון.** מען דארף זיך אויסלערנען אוועקצוגיין פון צו טון פאר יענעם שלעכטס. און עשה טוב, זוכן יעדן טאג וואס האב איך היינט געטון א חסד מיט א צווייטן. אז מען ווערט עס אנהייבן צו פרובירן, וואס האב איך היינט געטון א חסד, ווערט מען זעהן ביי זיך אליין, אז איך האב נישט מיט וואס, און ווען ער ווערט שפירן נאכדעם, אז ער האט יא געטון חסד, ווערט ער האבן אן הנאה, אז ער קען טון גוטס מיט א צווייטן. יודישע קינדער זענען געבענטשט מיט דעם. אז מען וויל האבן א סימן צו מען איז א יוד צי נישט, שטייט אין די גמרא (יבמות עט.), אז דער סימן צו דערקענען צווישן א יוד און א גוי איז, רחמנים ביישנים וגומלי חסדים. א יוד איז א גומל חסד, א יוד איז בעצם א רחמן, מיר זענען קינדער פון אברהם אבינו וואס ער איז געווען דער שורש פון חסד. מען דארף זיך צוגעוואוינען עס זאל נישט אדורכגיין א טאג וואס ער זאל נישט טון קיין חסד מיט א צווייטן.

**און** דאס איז אויך כולל די מדות פונעם מענטש. יעדער מענטש איז געבוירען מיט שלעכטע מדות, אין גם אחד וואס זאל קענען זאגן אז ער איז געבוירען געווארן א אדם השלם. יעדער מענטש האט אין זיך גוטע מדות, און שלעכטע מדות, איינער מער, איינער ווייניגער. און דאס גייט נישט אוועק נאר מיט ארבעטן דערויף, מהפך צו זיין זיין טבע. ער איז געבוירען געווארן בטבע מיט א מדה, **לאמיר אנכאפן א קליינע מדה, כעס. עס איז דא מענטשן וואס זענען געבוירען געווארן אז זיי זענען בייז, מען רעגט זיך, יעדע זאך וואס איז נישט הונדערט פראצענט אזוי ווי ער האט געוואלט, רעגט ער זיך. יעדע מענטש האט אין זיך אביסל די מדה פון כעס. איינער ווערט עס נאר האלטן אין הארץ און ער ווערט עס אפילו נישט ארויסגעבן, און איינער ווערט עס ארויסגעבן און אביסל שרייען, און איינער ווערט זיך איינגאנצען פארלירן, און ער ווערט שרייען, און מאכן קולות, און ער ווערט ווערן אזוי ווי א מטורף ח"ו, בשעת ער איז אין כעס.** אויף די זאכן דארף מען ארבעטן, דאס גייט נישט אוועק פון זיך אליין. אז מען לערנט זיך נישט אויס ווילאנג מען איז יונג, **שפעטער ווען ער גייט ארויס אויף די גאס, מען האט חתונה, און מען האט א שטוב מיט קינדער, מען בלייבט דער זעלבער מענטש שפעטער. עס איז אסאך מאל א גיהנם צו וואוינען מיט אזא מענטש אינאיינעם אין איין הויז. די ווייב מיט די קינדער ליידן פון אים, אין דער פלאץ וואו ער ארבעט ווערט מען נישט קענען מיט אים אדורכקומען. און דאס איז א מדה וואס מען דארף ארבעטן דערויף יעצט ווען מען איז יונג!** יעצט איז זייער גרינג, א יונגער בוים קען מען זייער גרינג בייגן און דרייען, מען קען דערמיט טון וואס מען וויל, יעצט איז די צייט דערויף!

**דאס** איז נאר איין מדה. און וויפיל אנדערע מדות איז דא וואס מען דארף זיך צוגעוואוינען דערצו. **גיאות, שטאלצקייט, א מענטש וואס טוט דערעגירען, ער האט ליב צו זיין א מושל אויף יענעם. נאכדעם איז דא ענוה, שפלות רוח, נאכגעלאזנקייט, ער איז מקבל פון יעדן איינעם, ער ענטפערט נישט צוריק. דאס איז אלעס זאכן וואס מען דארף ארבעטן דערויף. אז מען קויפט זיך נישט איין די מדות אין דער יוגענט, האט מען נישט דערפון שפעטער.** יעצט איז די צייט,

ווילאנג מען איז אין ישיבה, דארף זיך יעדער אויסקלויבן, און טראכטן ביי זיך, אין וועלכע מדה בין איך געשלאגן, און אויף די מדה גיי איך ארבעטן דעם זמן. דעם זמן גיי איך ארבעטן אויף די און די מדה. און זעהן צוצוגעבן יעדן טאג, וואו האב איך געהאט א נסיון היינט אין די מדה, און וואו האב איך מנצח געווען. און אז איך האב מיך נישט געקענט צוריקהאלטן, גיי איך אי"ה דעם אנדערן טאג זיך היטן נאך מער. סור מרע ועשה טוב, אוועקצוגיין פונעם שלעכטן זייט, און עשה טוב און טון די היפך פון זיין מדה.

**מען** זאגט נאך, אז ווען די נובהרדוק'ער תלמידים האבן געארבעט אויף די מדה פון ענוה, פלעגן זיי אריינצוגיין אין א אפטייק (דרא"ג סטא"ר) און געפרעגט צו מען קען דארט קויפן א פלעשל מילך. און יענער האט אים אויסגעלאכט, מילך אין א אפטייק?! גיי אין גראסערי וועסטו באקומען א באטל מילך. זיי האבן געוואלט ארבעטן אויף זיך, צוברעכן זייער ישות, האבן זיי געטון זאכן, אז מען זאל זיי מבזה זיין, אז מען זאל לאכן פון זיי. מיר רעדן נישט פון די מדריגה, צו טון זאכן וואס עס זאל זיין אויסטערליש, נאר פאר זיך אליין, נארמאלערהייט, ארבעט אויף דיינע מדות. יעצט איז די צייט דערויף, דו ביסט יונג, דו האסט די כוחות דערצו, וועסט ארויסקומען שפעטער א אדם השלם. קוק ווי שיין עס איז אין בית המדרש א בעל מדות, ווי אזוי ער זעהט אויס, און יעדער איינער קען האבן ביי זיך משלים פון איינעם וואס איז נישט קיין בעל מדות ווי אזוי ער זעהט אויס. א מענטש דארף ארבעטן אויף זיך. און יעצט איז די צייט, ווילאנג מען איז יונג, אז מען זאל דאס קונה זיין.

*

**עס** איז שוין דער צווייטער זמן פון דעם יאר, דער ווינטער איז שוין אדורכגעגאנגען, רוב פון דעם יאר, זיבן חדשים פונעם יאר, איז שוין אדורכגעגאנגען, און עס איז נאך געבליבן פינף חדשים, פון אייר ביז אלול. רוב בחורים האבן שוין קונה געווען א האלבן מסכת במשך פונעם ווינטער, און עס איז געבליבן גומר צו זיין די צווייטע העלפט, און איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. אז מען חזר'ט נישט איבער וואס מען האט געלערנט, איז מען א זורע ואינו קוצר (סנהדרין צט.), מען האט אנגעזייט, אנגעבויט א פעלד, און ווען עס הייבט אן צו וואקסן די פירות דערפון, עס קומט די צייט אז מען זאל אפשניידן די פירות און עס אוועקלייגן, זאגט ער, איך האב נישט קיין כח. דאס איז געארבעט אומזיסט. דו האסט זורע געווען, דו האסט זיך געפלאגט דערויף, האסט זיך געפלאגט א גאנצן ווינטער אויף א מסכת, און ווען עס קומט סוף פונעם יאר, און דו קענסט זיך נישט פארהערן די מסכת, ביסט א זורע ואינו קוצר. נישט יעדער קען צוקומען אז מען זאל זיך קענען פארהערן די גאנצע מסכת, אבער למחצה ולשליש ולרביע, פון יעדן פאדערט מען וואס ער קען, דאס וואס דו האסט געקענט צוקומען, דארף מען זיך אנשטרענגען, און איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, אז מען זאל עס קענען.

**עס** קוקט אסאך מאל אויס, נו, מען האלט דאך שוין יעצט ביים זומער זמן, אי"ה קומענדיגע יאר וועט ער אנהייבן. אזוי איז דער סדר פון מענטשן וואס מען רעדט אלץ, די 'נעקסטע יאר'. עס איז שוין א פאר יאר אדורכגעגאנגען, וואס ער זאגט אייביג אז די קומענדיגע יאר וועט ער זיך נעמען צום לערנען. א מענטש דארף אנהייבן תיכף, אין ועתה אלא לשון תשובה (ב"ר כא-ו), תשובה איז ועתה, יעצט. ווארט נישט אויף מארגן, עס איז נישט דא וואס צו ווארטן אויף מארגן. יעצט איז די צייט. אז דו ווילסט קונה זיין שלימות, דו גייסט צוריק זונטאג אין ישיבה, הייב אן כאילו עס איז א נייע לעבן ביי דיר. איך גיי לערנען וואס מען דארף לערנען די קומענדיגע זמן, איך גיי קענען יעדע וואך די שיעורים פון די ישיבה. א בעל כשרון דארף נעמען אויף זיך נאך א מסכת, מיטהאלטן **'ובהם נהגה'** און דאס אויך צולערנען. און איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט פריער, אז מען זאל קענען קונה זיין די גאנצע מסכת צוזאמען.

**איך** האב אמאל געהערט טייטשן, דער פסוק (בראשית מא-א) זאגט, ויהי מקץ שנתים ימים. ווען א יוד קומט אויף די עלטער, ער איז שוין אלט דארטן זיבעציג, פינף און זיבעציג, אדער אכציג יאר. טראכט ער, מיין לעבן איז שוין אדורך, איך וועל לעבן נאך א פאר יאר, וויפיל וועל איך שוין לעבן, נאך פינף יאר, צען יאר, די נאמבער איז זייער קליין. זאגט מען אים, ניין, דו גייסט נישט לעבן נאך א יאר, א יאר האט 365 טעג, דו האסט נאך צו לעבן נאך 365 טעג! דו ווייסט וואס מען קען אויפטון אין 365 טעג?! און נישט נאר דו האסט צו לעבן 365 טעג, נאר יעדע טאג האט 24 שעה. איין יאר וואס דו וועסט לעבן, האסטו 24 מאל 365 שעות, וואס מען קען שטייגן.

**דאס** איז ביי א אלטן יוד. פאר א בחור אין ישיבה דאכט זיך אסאך מאל, עס איז א קליינע זמן, עס איז נאר א חודש, צוויי חדשים, דריי חדשים, מען וועט שוין זעהן אין דעם קומענדיגן זמן. א חודש איז נישט איין חודש, אין א חודש איז דא 30 טעג, און יעדער טאג האט 24 שעה וואס עס איז כמעט זיבן-אכט הונדערט שעה, וואס דו קענסט אנקומען אין איין חודש. נאר אין איין וואך, פון זונטאג ביז פרייטאג, יעדע וואך האט זיבן מאל 24 שעה, 160 שעה, וואס מען קען אלץ אנקומען אין 160 שעה. דאס איז נאר אין איין וואך וואס מען קען אנקומען. א מענטש דארף צוברעקלען זיינע צייטן, אפילו א שעה וואס איז געבליבן, איז 60 מינוט, איך קען אין די 60 מינוט זייער אסאך אויפטון.

**ויהי** מקץ, ווען מען קומט צו די ענדע, און מען זעהט עס איז געבליבן ווייניג, 'שנתיים ימים', דארף מען פון די יארן מאכן טעג. נישט אז עס איז געבליבן אפאר יאר, עס איז געבליבן אזויפיל הונדערטער און טויזענטער טעג וואס מען קען אויסנוצען. יעדן טאג האט פיר און צוואנציג שעה! וויפיל מינוטן איז דא אין די צייט! וויפיל תורה קען מען קונה זיין אין דעם זמן. עס איז דא א חיוב אויסנוצן יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, אוועקצוגעבן פאר תורה, און אויף עבודה פון תפילה, און אויף גמילות חסדים. טון חסד איינער מיטן צווייטן, ארבעטן אויף זיך אליין צו זיין א בעל חסד, האבן גוטע מידות.

**הבא** לטהר מסייעין אותו, יעדער קומט צוריק אין די ישיבה מיט א פרישען חשק, ווייל **ווי אזוי עס קוקט אויס אן א ישיבה האט ער שוין פרובירט פיר וואכן, און ער האט געזעהן די גרויסע גליקן פון זיך ארומדרייען פון צופרי ביז ביינאכט ווען מען האט נישט קיין ישיבה. ער הייבט יעצט אן צו שעצן, טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו** (איכה ג-כז), **ווי גוט איז, יא איך האב אן עול און א שיעבוד, איך קען נישט שלאפן ווילאנג איך וויל, און איך קען זיך נישט ארומדרייען, איך דארף גיין אין ישיבה לערנען,** און וואס מען קען אלץ אנקומען פון דעם וואס מען שטייגט.

**הבא** לטהר מסייעין אותו, אלעס איז תלוי אין אונזער רצון. אז עס איז דא דער רצון, קען מען צוקומען צו אלעם. אז דער רצון איז נישטא, האט מען גארנישט. **ווען א מענטש וויל עפעס אויספירן, דארף זיין צוויי זאכן. ער דארף האבן דעם רצון, ער וויל עס טון, און ער דארף האבן דעם יכולת, ער זאל עס קענען באווייזן.** ער וועט זאגן, איך וויל קענען גאנץ ש"ס אין איין טאג. ער קען נישט. אפילו ער האט א רצון דערצו, אבער עס איז נישטא קיין יכולת. אמאל איז דא וואס ער האט א יכולת, און ער דארף דאס קענען טון. דער אייבערשטער האט געגעבן א נסיון פאר א מענטש, אויף זיין גאנץ לעבן. וואס איז דער חילוק פון די יונגע יארן ביז די שפעטער'דיגע יארן? אין די יונגע יארן האט א מענטש א יכולת צוצוקומען צו אלעמען, ער קען אויסוואקסן אלעס, ער איז נאך יונג מיט די כוחות, און ער קען לערנען פלייסיג, און אנקומען אסאך. אבער ווילאנג מען איז יונג, האט דער אייבערשטער צוגענומען דעם רצון. און דער רצון איז דער נסיון, דו זאלסט וועלן צוקומען. אז דו וועסט האבן א רצון, קענסטו זייער אסאך צוקומען.

**ווען** מען ווערט עלטער, דער רצון איז שוין נעבעך דא, ער וויל שוין, אבער מען איז שוין

אויף דער עלטער, די יכולת איז נישט דא. און דעמאלטס איז דער נסיון, אין דעם חלק היכולת. אונזער נסיון יעצט, איז נישט אין יכולת, יעדער איינער פון אונז קען זייער ווייט אנקומען, אונזער נסיון איז דער 'רצון', צו ווען. און אז מיר וועלן האבן דעם אמת'דיגן רצון, לעשות רצונך אלקי חפצתי (תהלים מ-ט), איך וויל אויסנוצען די צייט, איך וויל שטייגן, און איך וויל צוקומען צו א מדריגה, יעצט האסטו די יכולת. ווי מער דו וועסט זיך מתגבר זיין אויפן רצון, ווי מער דו וועסט וועלן צוקומען דערצו, וועסטו אנקומען דערצו.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל האבן סיי דעם 'רצון', און סיי דעם 'יכולת', שטייגן אין תורה און יראת שמים, אויסוואקסן תלמידי חכמים יראי ה'. בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל (ר"ה יא.), זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, נאך דעם חודש, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמיני ב'</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הולדת הבת אצל ש"ב הרב **אפרים אשר פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי חיים דוב ווייסבערג שליט"א** בברכת המזון.

# פרשת תזריע - מצורע ל' ניסן – ו' אייר תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת תזריע - מצורע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **בערל לאקס** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק'). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורון דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. – בשובו לוויליאמסבורג בירך **רבינו שליט"א** ברכת האילנות.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן ק"ע סעיף ב') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען מיתת נדב ואביהוא. ווען נדב ואביהוא זענען געשטארבען זענען די כהנים געווארן אוננים, און א אונן איז די הלכה אז ער טאר נישט עסן פון די קרבנות. אבער דא האט משה רבינו געזאגט, אז מען זאל עסן די מנחה. כי כן צויתי (ויקרא י-יב), מען האט מיר מצווה געווען, אז כאטש עטץ זענטס אוננים, זאלט עטץ עסן פונעם קרבן. מען האט מקטיר געווען די קומץ, און די איבריגע האבן די כהנים געדארפט עסן. און דער פסוק זאגט, אז איין קרבן האט מען פארברענט, און מען האט עס נישט געגעסן. און משה רבינו האט זיך געדינגען דערויף, פארוואס מען האט עס פארברענט, און אהרן האט אים געזאגט, אז מיר זענען אוננים, און מיר קענען נישט עסן דעם קרבן. די גמרא (זבחים קא.) מאכט א חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות. די קרבנות וואס מען האט מקריב געווען לכבוד דעם דעמאלטס'דיגען טאג, ווייל עס איז געווען די חנוכת המזבח, דאס האט מען מתיר געווען צו עסן. אבער די שעיר פון ראש חודש, וואס מען דארף מקריב זיין א שעיר יעדן ראש חודש, און דעמאלטס איז אויך געווען ראש חודש ניסן, דעם שעיר וויבאלד עס איז קדשי דורות, עס וועט זיין שפעטער אויך, דאס טאר א אונן נישט עסן.

**און** ביידע דארפן האבן א ביאור. אויב עס איז די הלכה אז א אונן טאר נישט עסן קדשים, פארוואס האט מען דא מתיר געווען, אז מען מעג עסן כאטש זיי זענען געווען אוננים. און אז מען איז יא מתיר אז א אונן מעג עסן, וואס איז דער חילוק, אז קדשי שעה האט מען געזאגט אז מען מעג, און קדשי דורות האט מען געזאגט, אז מען טאר נישט.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. אין די גמרא (ברכות נט:) שטייט, אז ווען איינער הערט ח"ו א שלעכטע בשורה, דארף ער מאכן א ברכה ברוך דיין האמת, און ווען ער הערט א גוטע בשורה, אויב עס איז פאר אים אליין, דארף ער זאגן שהחיינו, און טאמער עס איז פארבינדן מיט אנדערע אויך, וואס האבן א הנאה דערפון, דארף מען זאגן הטוב והמטיב. זאגט די גמרא, ווי אזוי איז, ווען עס איז געקומען פאר א מענטש ביידע צוזאמען, א שלעכטע בשורה מיט א גוטע בשורה. די גמרא גיט א משל דערויף, דער פאטער איז אים געשטארבען, א שלעכטע בשורה, אבער דער פאטער האט אים איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, און ער גייט יעצט ווערן א מיליאנער, וואס זאל ער טון. זאגט די גמרא, אז ער זאל קודם זאגן ברוך דיין האמת אויף דעם וואס דער פאטער איז אים געשטארבען, און נאכדעם זאל ער זאגן שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אויף די שמחה וואס ער איז געווארן א מיליאנער. די גמרא נעמט אן, אז כאטש עס איז א זמן פון א צער, דער פאטער איז געשטארבען, ער איז דאך מתאבל אויף אים, פון דעסטוועגן דאך טוט עס נישט אוועקנעמען די שמחה וואס ער האט, אז ער איז געווארן א מיליאנער, און ער קען זאגן שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אויף די ירושה וואס ער האט באקומען.

**מען** געפונט אבער א צווייטע הלכה (שו"ע יו"ד רסה-ז), אז ווען מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, זאגט מען נישט קיין שהחיינו, און מען זאגט נישט שהשמחה במעונו ביי די סעודה, וועגן צערא דינוקא. דאס קינד איז זיך מצער, און אז מען איז בצער קענסטו נישט מאכן א שהחיינו, עס איז נישט דא ביי דיר א שמחה. זעהט מען, אז ווען עס איז דא א צער מיט א שמחה צוזאמען, זאגט מען נישט, צער איז צער אבער דו האסט א שמחה, עדיין עושין אותה בשמחה (שבת קל.), און דו קענסט זאגן שהחיינו דערויף, נאר מען זאגט, ניין, אויב עס איז דא א צער, קענסטו נישט זאגן א שהחיינו.

**אין** די אחרונים שטייט, אז די חילוק איז, עס איז דא אמאל א צער, וואס איז טאקע א צער, אבער די שמחה איז ביי אים אזוי גרויס, אז דער צער ווערט בטל אקעגן די שמחה, דעמאלטס קען מען זאגן א שהחיינו דערויף. אבער אמאל איז דא, וואס דער צער איז אזוי גרויס, אז אפילו ער האט א שמחה, די שמחה איז נישט גענוג שטארק, אז עס זאל אים אוועקנעמען דעם צער. חז"ל האבן געוואוסט, אז אפילו ווען א טאטע שטארבט, אבער ווען ער באקומט א ירושה, און ער ווערט נאכדעם א גרויסער עושר, איז די שמחה ביי אים אסאך שטערקער ווי דער צער, און ער קען זאגן דערויף שהחיינו. כאטש דו ביסט זיך טאקע מצער, אבער עס נעמט נישט אוועק די שמחה וואס דו האסט, פון די ירושה וואס דו באקומסט. ווען מען מל'ט א קינד, און דאס קינד איז בצער, אפילו דו האסט טאקע א שמחה פון די מצוה, אבער נישט ביי יעדן איינעם איז די שמחה של מצוה אזוי גרויס, אז עס זאל אוועקנעמען אז עס זאל נישט זיין קיין צערא דינוקא, און ער זאל קענען מאכן דערויף א שהחיינו. האבן די חכמים געזאגט, זאג נישט קיין שהחיינו, ווייל עס איז דא צערא דינוקא. - תמצית הדברים איז, אז מען זעהט, אז אפילו ווען א מענטש איז בצער, קען אמאל זיין א זייטיגע שמחה, וואס די שמחה שטייט אים העכער פון די צער, און ער קען זאגן שהחיינו וקימנו אויף די שמחה.

**א** אונן טאר נישט עסן קיין קדשים, לא אכלתי באוני ממנו (דברים כו-יד). פארוואס טאר נישט א אונן עסן קדשים, ווייל קדשים דארף מען עסן בשמחה, און א אונן קען עס נישט עסן בשמחה, טאר ער נישט עסן קיין קדשים. דא איז דאך אבער געווען א גרויסע שמחה, עס איז געווען א טאג וואס די שכינה איז אראפגעקומען רוען בתחתונים, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), עס איז געווען א שמחה פארן אייבערשטען, כיום שנבראו בו שמים וארץ (מגילה י:), איז ביי אהרן געווען אזוי גרויס די שמחה פון השראת השכינה, אז דער אייבערשטער רוהט ביי אונז, אז עס האט אים אוועקגענומען די צער וואס ער האט געהאט, אז נדב ואביהוא זענען געשטארבען. געווענליך טאר מען טאקע נישט עסן קדשים, לא אכלתי באוני ממנו, ווייל ווען עס איז דא א צער פעלט די שמחה. אבער דא וואס עס איז געווען אזא שמחה פון הקמת המשכן, האט די שמחה פון הקמת המשכן איבערגעוואויגען די צער וואס זיי האבן געהאט. און די תורה האט געזאגט, כי כן צויתי, איך קען אהרן מיט אלעזר און איתמר, עס פעלט נישט ביי זיי די שמחה, און זיי קענען עסן די קרבנות בשמחה, זאלן זיי עסן די קרבנות. וועגן דעם איז דא געווען אנדערש פון ערגעץ אנדערש, וואו מען זאגט אז א אונן טאר נישט עסן, ווייל דא האט די שמחה אוועקגענומען זייער אנינות.

**דאס** איז גוט ביי קדשי שעה, א קרבן וואס מען ברענגט נאר איינמאל, יעצט ווען מען האט מחנך געווען די משכן, און אזא קרבן וועט מען מער קיינמאל נישט ברענגען, עס איז נאר נוגע פאר אהרן מיט די קינדער יעצט איינמאל, יעצט האט די תורה געוואוסט אז אהרן מיט די קינדער זענען בשמחה, האט דער אייבערשטער געהייסען אז מען קען עס עסן. אבער דעם שעיר פון ראש חודש וועט מען דאך דארפן מקריב זיין יעדן ראש חודש, און דעמאלטס וועט דאך זיין די הלכה אז מען קען עס נישט עסן באנינות, קען מען דאך נישט מאכן א חילוק און זאגן, היינט יא און מארגען נישט. וועגן דעם איז קדשי דורות נישט געווען מותר צו עסן.

**איך** האב עס געזאגט ביי שלש סעודות, איז נאכדעם צוגעקומען צו מיר א יוד, און ער האט מיר געזאגט, אז ער מיינט עס איז דא א אנדערע תירוץ, פארוואס ביי א ברית מילה זאגט מען נישט שהחיינו, כאטש ער האט א שמחה, און ביי א ירושה איז די הלכה אז מען זאגט יא שהחיינו. ווייל אפילו א מענטש האט א צער, אבער די אייגענע שמחה קען אמאל איבערגיין פון די אייגענע צער. ער האט טאקע א צער פון איין זייט, אבער די שמחה איז ביי אים גרעסער. א מענטש קען מוותר זיין אויף זיין צער, פאר זיין שמחה. מען טאר אבער נישט מוותר זיין אויף יענעמס צער, פאר זיין שמחה. דאס קינד איז זיך מצער, און דו האסט א שמחה?! דו ווילסט זאגן שהחיינו ווען יענער וויקט זיך אין יסורים, עס אהרט מיך נישט יענעמס צער, איך זאג שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, דאס דארף א יוד נישט טון. אויף דיין צער קענסטו מוותר זיין, אבער נישט אויף יענעמס. מען קען נישט זאגן שהחיינו, ווען דער צווייטער איז אין א צער.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **אהרן אפרים פישל** נ"י בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***יום שני פרשת תזריע - מצורע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **אהרן אפרים פישל** נ"י בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו, ולהבחור **יעקב** נ"י בן הר"ר **דוד יואל שווארץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורון דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **שלמה הכהן שווארץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה שפיטצער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישראל טרעביטש** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **דוד יואל שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם סיוויל מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה די הלכות וואס איז נוגע צו א צרעת, א חלק איז אויסגערעכנט אין פרשת תזריע, און א חלק אין פרשת מצורע. און די תורה ענדיגט דערויף, זאת התורה לכל נגע הצרעת וגו', דאס איז די תורה פאר די נגעים פון צרעת, להורות ביום הטהור וביום הטמא, מען זאל פסק'נען ווען מען איז טהור און ווען מען איז טמא, זאת תורת הצרעת (ויקרא יד-נד).

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז. מען ווייסט די חשיבות פון לימוד התורה, ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א), דער בר מצוה בחור גייט אריין לעול המצות, דארף ער וויסן, אז די חשוב'סטע פון אלעם איז די מצוה פון לימוד התורה. אוועקצוגעבן אלע זיינע צייטן וואס מען האט, זיך מייגע צו זיין און אויסוואקסן א תלמיד חכם. די גמרא (ברכות סג:) דרשנ'ט, אדם כי ימות באהל (במדבר יט-יד), אין דברי תורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, תורה האלט זיך נישט ביי יעדן איינעם. יעדער קען 'לערנען' תורה, אבער אז עס זאל זיין מתקיימת, מען זאל צוקומען צו כתרה של תורה, דאס איז נאר ווען א מענטש איז זיך מפקיר, און ער איז זיך ממית באהלה של תורה. די פשט איז נישט ממש ממית זיין, עס שטייט דאך אין פסוק (ויקרא יח-ה) וחי בהם, ולא שימות בהם (יומא פה:), נאר אזוי ווי די משנה (אבות ו-ד) זאגט, כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל

הארץ תישן, וחיי צער תחיה, נישט קוקן אויף די באקוועמליכקייט פונעם גוף, נאר טון אלעס ווי מען קען זוכה זיין צו תורה.

**די** גמרא (כתובות עז:) פארציילט אויף רבי יהושע בן לוי, אז ער איז געווען אזוי אריינגעטון אין תורה, אז ער פלעגט זיך ארומצוּוויקלען מיט מענטשען וואס האבן געהאט צרעת, בעלי ראתן. און כאטש עס איז געווען א אנשטעקיגע קראנקהייט, און ער וואלט זייער גרינג געקענט ווערן אזוי ווי זיי, האט ער זיך כורך געווען מיט א בגד צוזאמען מיט זיי, און אזוי האט ער געלערנט מיט זיי תורה. דאס איז טייטש אדם כי ימות באהל, ער איז גרייט זיך מפקיר צו זיין, און זיך אוועקגעבן פאר תורה, און דעמאלטס איז מען זוכה צוצוקומען צו כתרה של תורה.

**איז** דער פסוק מרמז און זאגט, 'זאת התורה לנגע צרעת', ווען א יוד לערנט תורה, און ער איז גרייט פאר די תורה אפילו זיך אויסצומישן מיט די וואס זענען געשלאגן אין א נגע צרעת, עס אינטערעסירט אים נישט, אלעס גיט ער אוועק, באהבתה תשגה בה (משלי ה-יט), דער איז זוכה 'להורות ביום הטמא וביום הטהור', דער איז זוכה צו כתרה של תורה, ער וועט קענען פסק'נ'ן און דן זיין ביום הטמא וביום הטהור. 'זאת תורת הצרעת', דאס איז די תורה פון א מענטש וואס איז זיך מפקיר אזוי ווי רבי יהושע בן לוי, וואס האט געלערנט תורה מיט מענטשען וואס זענען געווען געשלאגן מיט צרעת.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת **הרה"ג רבי פישל סופר שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד בוענאס איירעס שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי משה ראטה שליט"א** (רב הצעיר דקארלסבורג, בן כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א) שהתקיים באולם בית רחל.

*

***יום שלישי פרשת תזריע - מצורע***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בישיבה קטנה. לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לנכדו הבחור **יהושע** נ"י בן חדב"ן **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א** (כחודש לפני הבר מצוה), ולבן הר"ר **אלי' יוסף בריעגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **זלמן לייב אייזענבערגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בעלזא.

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של מרת באנדא ע"ה (אלמנת הרה"ח רבי **יצחק מרדכי באנדא** ע"ה), שהתקיים לפני בית המדרש סאטמאר (ראדני).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ברוך לעפקאוויטש** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלי' יוסף בריעגער** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא.

*

***יום רביעי פרשת תזריע - מצורע***

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אברהם קליין** הי"ו (חתן הר"ר **יקותיאל יהודא פריינד** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש אונגוואר, אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת באנדא שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **יצחק מרדכי באנדא** ע"ה).

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**בנה הר"ר עקיבא:** יעצט ווערט צוועלף יאר פון ווען מיין טאטע איז אוועק.

**רבינו:** עס האט זיך שוין אויסגעלאזט די גאנצע בית המדרש (סאמבאטהעלי) דא, עס איז שוין כמעט קיינער נישט געבליבן. עס איז געווען זייער א ערנסטע בית המדרש. די בעלי בתים זענען געווען תלמידי חכמים, זיי האבן ליב געהאט צו לערנען.

**הר"ר עקיבא:** איך געדענק נאך ווען דער רב האט פארגעלערנט משניות, און עס זענען געזעסן דרייסיג בעלי בתים ביים שיעור, מיט אזא דרך ארץ.

**רבינו:** איך בין נעכטן געווען מנחם אבל זיין ביי רבי ברוך לעפקאוויטש ע"ה, ער איז געווען א איידעם ביי רבי משה ארי' גליק ע"ה, וואס האט אויך געדאווענט דא. האבן די קינדער פארציילט, אז רבי משה ארי' פלעגט אויך צו זיצען ביי די משניות שיעור, און ווען מען האט געענדיגט מסכת קינים, האט רבי משה ארי' געזאגט, איך האב שוין אסאך מאל געלערנט קינים, אבער איך האב עס נאך קיינמאל נישט פארשטאנען אזוי ווי איך האב עס יעצט פארשטאנען, דו קענסט מיך יעצט פארהערן. און דאס איז געווען פון א שיעור פון פופצן מינוט, צווישן מנחה און מעריב. מען האט געענדיגט אפאר מאל ששה סדרי משנה. היינט איז דער גאנצער ענין פון לערנען משניות בטל געווארן. מען האט געזען א יונגערמאן זאל זיך צוזעצן לערנען צוויי דריי משנה'ס?

**הר"ר עקיבא:** יום כיפור ביינאכט נאכן דאווענען, איז אויך געווען א גרויסער עולם וואס האט זיך אראפגעזעצט לערנען משניות.

**רבינו:** מען האט געלערנט איין פרק משניות.

**א' האבלים:** אלץ בחור האב איך פאר פסח געמאלן די ווייץ פארן טאטען, און ער האט מיר געגעבן דערפאר צען דאלער. איך האב נישט געוואלט נעמען, און ער האט מיר געצווינגען.

בשעות הערב נכנסו אברכי הכולל דקהלתנו הק' בבארא פארק (בהנהלת הרה"ג **רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א**, דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג) להבחן על הלכות החמורות בשו"ע יו"ד ח"ב.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **שרגא בלומענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה יעקב קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא קידוש זאל.

*

***<u>יום חמישי פרשת תזריע - מצורע</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ישעי' בויער** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדיים.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת תזריע - מצורע</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>שבת קודש פרשת תזריע - מצורע</u>***

בליל שבת קודש השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של ש"ב **כ"ק האדמו"ר מסטראפקוב שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש סטראפקוב.